בס"ד.

# וויכטיגע אינפארמאציע וועגן "בודק" גרינצייג




**לכבוד די חשוב'ע מאמעס שיחיו!**

מיר, עטליכע פרויען וועלכע זענען אנטוישט און דערשיטערט פון וואס מיר האבן אליין בייגעוואוינט, פילן פאר א פליכט מיטצוטיילן אונזער איבערלעבעניש פאר אנדערע אפצוהאלטן פרעמדע פון געשטרויכלט ווערן.

מיר זענען נתחנך געווארן אז די אלע בלעטערדיגע גרינצייג, ווי קרויט, לעטעס, נוצט מען נישט אן בודק זיין זייער שטאַט און פאַרזיכטיג. אַנדערע גרינצייג ווי שפינאט (ספינעט"ש) בראקעל"י, קאלי פלאוע"ר, א. א. וו. האט מען זיך בכלל נישט געטרויט צו נוצן. טייל קרויט אויך נישט, ווייל מען קען עס כמעט נישט קלויבן. און אפילו פאר געזונטהייט האט מען עס נישט גענוצט.

לעצטנס איז אויפגעקומען "בודק", וועלכע הייסט ריין פון ווערים. עס איז איבעריג צו זאגן די פרייד וואס האט ארומגענומען אונז מיט אונזערע קרובים און שכנים, אז יעצט וועט מען קענען עסן אלע מינים געזונטע גרינצייג אן שום חשש פון ווערים.

הונדערטער משפחות וואס מיינט טויזענטער נפשות וועלכע האבן זיך אפגעהאלטן שוין פון דורות פון די אלע גרינסן, זענען אויפגערעכטן געווארן. מען האט זיך גענומען דערצו פון די פרומסטע שטיבער ביז צום פשוט'ן בעל הבית, און צווישן זיי זענען מיר אויך געווען.

מיר אלע זענען געווען זיכער אַז דאָס איז אַ סיסטעם פון דורכקוקן מיט פארגעשריטענע שפאקטיוון בלעטל נאך בלעטל. נאך בעסער ווי מען קען אליין. דער נאמען בודק מיטן בילד פונעם פארגרעסער-גלאז האט אויף יעדן איבערגעלאזט דעם איינדרוק.

צו אונזער באדויערן האבן מיר געהאט א מיאוס'ן ביטערן דורכפאל. מיר האבן געפונען ווערים מיט אנדערע שרצים און בריות קריכן אויף די בלעטער פון קרויט און לעטעס, און אויך אויף די ספינאט"ש און בראקל"י א.א.וו.

מיר קענען מיט ווערטער נישט שילדערן אונזער אנטוישונג (דיסאפאינטמענ"ט) ווען מיר האבן זיך דערוואוסט אז צוביסלעך קומען ארויס אלץ מער און מער מענטשן מיט די זעלבע איבערצייגונג ווי אונז, ברענגענדיג צום אויספיר אז דאס איז נישט קיין צופאל, נאר א נארמאלע זאך.

נאך פארשידענע חקירות ודרישות דערוויסן מיר זיך אז מען הייבט נישט אן בודק זיין. עס איז בלויז א סיסטעם פון שווענקען און שפריצן וואסער. קוקט גוט אויף דעם סימבאל פון "בודק" דא אויבן, וועט איר זען ווי אזוי עס לייענט זיך אויף דער ענגלישער שפראך, אז עס איז בלויז געוואשן און גערייניקט געווארן און גארנישט מער. ביטע באטראכט עס פארזיכטיג.

מיט אויגן פול מיט טרערן און טיפן הארץ ווייטאג גיסן מיר אויס אונזער פארביטערונג אויף דעם שטיקל פאפיר.

מיר, מאמעס פון אידישע נפשות, דאס מיליטער פון רבש"ע, וועלכע פילן די גרויסע אחריות פון מטמטם זיין, פארשטאפן דאס הארץ פון קליינע נשמה'לעך. מיר ארבעטן און הארעווען ביטער שווער צו געבן און פיטערן נאר 100 פראָצענט כשר. פאר קיין שום געלט וואָלטן מיר נישט געגעבן אומגעקליבענע גרינסן אונזערע טייערע קינדער. ווי אזוי האט מען אונז אזוי מיאוס אפגענארט און צוגעפירט אויך אנדערע טויזנטער נפשות זיך מטמטם צו זיין מיט ווערים און אנדערע שרצים, וועלכע זענען פארבונדן מיט מערערע לאוין.

איר קענט זיך נישט פארשטעלן מיט וויפל מסירות-נפש דאס איז אנגעקומען אלע יארן אין דער צייט וואס די נוטרישעניסט פראפאגאנדירן די געוואלדיגע מעלה פון גרינע בלעטער, אז געזונטערס איז נישטא, מיט די וויטאמינען און מינעראלן מיט וואס זיי זענען באריייכערט. פונדעסטוועגן האבן מיר זיך נישט געטרויט אנצורירן, געדענקענדיג גוט וואס די חז"ל זאגן אז עס פארשטאפט דאס אידיש הארץ און פלאנצט איין בייזע מדות מיט אכזריות און כח הטומאה סיי אין הארץ און סיי אין מוח, לעבענדיג מיט בטחון, אז בזכות זה וועט השי"ת העלפן און די קינדער וועלן אויפוואקסן ערליכע אידען.

און דא פלוצלונג אזוי ביטער אריינצופאלן דורך הוילע פראפאגאנדע. וויפיל טרערן, הארצווייטאג, שלאפלאזע נעכט און צעבראכנקייט דאס האט אפגעקאסט אונז און די אלע מאמעס מיט וועמען מיר האבן גערעדט, איז שווער אפצומאלן. אפשר איז דאס אן עונש מן השמים פארן פארלאזן זיך אויף רעקלאמען און פראפאגאנדע אָן חקירות ודרישות ביי אזעלכע ערנסטע ענינים.

לויט די אָנווייזונגען פון רבנים שליט"א פאַר וועמען מיר האָבן געוויזן די ווערים, זענען מיר באַאויפטראַגט געוואָרן דאָס מפרסם צו זיין, און זאָלן אַלע וועלכע האָבן מדקדק געווען אַלע יאָרן זיך ווייטער אויך אָפּהאַלטן און נישט נכשל ווערן.

מיר בעטן יעדען וואס באקומט דעם בריוו זאל עס מפרסם זיין צווישן זיינע נאענטע און באקאנטע. דורכדעם וועט מען מציל זיין אידישע קינדער פון מכשולות, און מקבל זיין די תורה מיט ריינע הערצער און נשמות.

**די פאלגענדע רבנים האבן שוין געזען דעם פראבלעם פון די ווערים, און זיי ראטן נישט צו עסן: הגה"צ מאונגוואר, הגה"צ מאודווארי, הגה"צ מקאשוי.**

**אויך אין קונטרס אויף פסח תשנ"ה פון הרב בלומענקראנץ שליט"א שרייבט ער, אז "בודק" איז נישט ריין פון ווערים.**

